# לודמיר

הכנסת אורחים לודמיר

געקליבענע עובדות און געדאנקען ממשנתו פון דעם הייליגן צדיק
רבי שלמה קארלינער זי"ע

אן אייביגע קשר צום צדיק


פרשיות
בהעלותך – שלח
גליון 10


## דער קארלינער פלאם

אין די פריערדיגע גליון האבן מיר אראפגעברענגט די התשלשלות ווי אזוי דער אור פון רביה"ק זי"ע איז נתגלה געווארן אין די וועלט.

מיר האבן אראפגעברענגט איין גירסא אז זייענדיג אין זלאטשוב האט אים דער הייליגער זלאטשובער מגיד זי"ע געזאגט אז ער זאל זיך מתגלה זיין און פון דאן אן איז ער געווארן נתגלה.

אין די כתבים פון ר"י פראגער [אות רלח] איז דא א צווייטע גירסא און מיר ציטירן עס דא. דארטן שילדערט ער אז ווען די חסידים האבן אנגעהויבן מפציר זיין רביה"ק ער זאל אננעמען די עול הנשיאות האט רביה"ק וועלכער האט אלע יארן געלעבט בשפלות ובעווונה אפגעזאגט די הפצרות, זאגנדיג אז ער איז נישט ראוי פאר דעם.

אבער די חסידים האבן נישט נאכגעלאזט, זיי האבן געהאלטן אין איין מוטשענען אז אפשר דאך זאל ער יא זיין וויליג אנצונעמען די עול ההנהגה.

דער רבי זענדיג אז ער וועט זיך נישט קענען ארויסדרייען פון זיי האט געזאגט פאר די חסידים אז ער וויל אריבערפארן צו איינער פון די צדיקי אמת אין יענעם דור און מען וועט אים אנפרעגן דעתו בקודש צי ער זאל אננעמען די הנהגה.

דער רבי האט געפאדערט אז מ'זאל פארן צו א רבי א בעל רוח הקודש, עס איז געבליבן אז מ'פארט צום זלאטשובער מגיד זי"ע.

הדבר יצא מפי רבינו און מען האט באשטעלט א קארעטע און זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג קיין זלאטשוב. דער רבי האט געפאדערט אז ער וויל נישט פארן אליין, ער האט געזאגט אז ער וויל מיטנעמען מיט זיך דער חסיד רבי מאנליע ז"ל.

דערביי האט רביה"ק געגעבן צו פארשטיין אז צוליב צוויי סיבות נעמט ער מיט זיך דער חסיד. זייענדיג זיכער אז דער מגיד וועט אים פסל'ען און זאגן אז ער איז נישט ווערד לאותו איצטלא האט ער געוואלט האבן ביי זיך אן עד אחד, אן עדות, וועלכע וועט זיין דערביי שפעטער איבערגעבן פאר די חסידים וואס ער

## די לעבנסגעשיכטע און נקודות פון הייליגן צדיק
## רבי שלמה קארלינער זי"ע

האט געהערט.

די צווייטע סיבה איז געווען, אז רביה"ק זייענדיג זיכער אז דער הייליגער מגיד וועט אים נישט וועלן אנקוקן און דערווייטערן פון זיך צוליב זיינע גרויסע זינד, זאל ער האבן זייטיג צו זיך א היימישער מיטוועמען ער וועט זיך קענען טרייסטן און דערהאלטן ווען ער וועט אריבערגיין די בזיונות.

איבריג צו זאגן אז במציאות איז געווען פונקט פארקערט און אז ווי נאר רביה"ק איז אנגעקומען קיין זלאטשוב האט אים דער מגיד מורא'דיג מקרב געווען און ארויסגעוויזן א גרויסע חביבות, מער ווי אלע אנדערע געסט.

נאך שבת האבן די קינדער פון דער מגיד וועמען די חסידים האבן אנגערופן די 'חמשה חומשי תורה' אלץ זייער גדלות געבעטן פון רביה"ק ער זאל בלייבן נאך א שבת אין זלאטשוב.

רביה"ק האט זיי געזאגט אז זיי זאלן פרעגן זיין טאטע וואס ער זאגט דערצו, אבער ער האט זיי אנגעווארענט אז זיי זאלן אים איבערזאגן די גענויע לשון וואס זייער טאטע האט געזאגט און נישט משנה זיין גארנישט, אויס מורא אז זיי וועלן משנה זיין פון די ווערטער.

דער הייליגער מגיד האט זיך אנגערופן פאר זיינע קינדער: א איד וואס אלע עולמות העליונים רירן זיך לויט זיין ווארט - זאל איך בעטן ער זאל דא בלייבן נאך א שבת?

פון די ווערטער האבן די קינדער פארשטאנען וואס זייער טאטע האלט פון רביה"ק און ער זעט אים ראוי ךאותו איצטלא.

ווען רביה"ק האט געהערט די ווערטער איז ער געקומען צוגיין צום מגיד מיט א טענה, פארוואס זאל דער מגיד זאגן אזאנע ווערטער.

זייענדיג אין צימער האט זיך דער מגיד אנגערופן צו רביה"ק: איר ווילט זיך זיצן אין אייער ד' אמות און דינען הקב"ה, וויסן זאלט איר אז עס לוינט זיך איינצוטונקען אין בלאטע ביז דא [און געוויזן אויף די האלדז] ארויסצונעמען אידישע נשמות פון די בלאטע.

"פארט אהיים און נעמט אן די הנהגה".

## צידה לדרך

**די בעסטע סגולה – שמחה ביי שלא עשני גוי / קורצע אמרות פון רביה"ק זי"ע**

רביה"ק האט זיך אמאל אנגערופן אז אויב אידן וואלטן געווען בשמחה בלויז פון דעם 'שלא עשני גוי' - אז מען איז א איד און נישט קיין גוי - בין איך אן ערב פאר אים אז ער וועט ניצול ווערן פון אלע שלעכטע זאכן אויף די וועלט ברוחניות ובגשמיות סיי אויף די וועלט און אויך לעולם הבא - ווייל די שמחה איז מציל דעם איד פון אלע רע אויף די וועלט.

[מזקנים אתבונן]

## אפענע ישועות ביים ציון הק'

**נפקד געווארן בזרע של קיימא ביים ציון הק'**

פאראיאר אין לודמיר האט דער בארימטער משפיע הגה"ח רבי שמעון שפיצער שליט"א דערציילט די פאלגענדע מעשה:

" א איד האט מיר דערציילט אז ער האט געווארט 5 יאר פון די חתונה אויף קינדער. די דאקטורים האבן אים געזאגט אז בדרך הטבע קען ער נישט האבן קיין קינדער. דער איד איז געקומען קיין לודמיר און א יאר שפעטער האט ער שוין געהאט א קינד".

עס איז ידוע וואס דער בעל התניא זי"ע האט געזאגט אויף רביה"ק: אז אויך אויב ער וועט גוזר זיין אויף א שטיין אז זי זאל האבן קינדער - וועט זי האבן קינדער.

צו הערן ווי ער פארציילט די מעשה ביים שיעור קלינגט אריין אין דער לודמירער האטליניע +972-23011122 און דרוקט נומער 4




צדיקים פון די פריערדיגע דורות האבן מעיד געווען:
אז רבי שלמה בן יוטא קען מבטל זיין אלע גזירות קשות ורעות

דארפט איר א ישועה?
ווילט איר שפירן ווי איר שטייט בצילו פון א צדיק אמת כמו בחיים חיותו?

קומט קיין לודמיר צום ציון
פון קודש הקדשים
רבי שלמה קארלינער זי"ע

בזכותיה דרבי שלמה בן יוטא ענני

פאר פרטים פון דעם הכנסת אורחים אין לודמיר
רופט: +972-5435-660

על הציון של הקדוש הזה, הוא ממש כמו שעומדים לפניו בחיים חיותו.
(רבי אשר מסטאלין)

## קאלטע וואסער פאר'ן פיבערדיגן מתנגד

נאך די פטירה פון רביה”ק זי”ע האבן אסאך אידן ממשיך געווען צוקומען צו די קינדער פון רביה”ק און בעיקר צו דעם זון הרה”ק רבי משה'לע מלודמיר ביי וועמען אסאך זענען געהאלפן געווארן בדבר ישועה ורחמים.

אסאך אפענע ישועות האט מען געזען ביי הרה”ק ר' משה אין אלע ענינים אבער כידוע האט יעדער צדיק איין זאך וואו ער איז מער מסוגל איבער אנדערע און ביים הרה”ק ר' משה האט מען עס געזען ביים היילן אידן וואס זענען קראנק געווארן מיט די 'פיבער קרענק' וועלכע מען פלעגט אויך אנרופן די 'קדחת' קרענק.

אין יענע יארן האבן זיך די סארט קרענק ארומגעדריידט אין יענע געגענט און אנגעשטעקט די איינוואוינער.

די קרענק האט געקענט ברענגען אסאך שווערע נאכווייען און צומאל איז מען פון איר אוועק פון די וועלט.


די אלטע שול אין די שטאט זלאטשוב

אין די שטאט האט מען געוואוסט אז ווען עס טרעפט זיך ל”ע אז א איד ווערט קראנק מיט די מחלה קומען צום צדיק און מען איז זיך מזכיר. דער רבי ווינטש אן אבער ער וועט אויך אנזאגן פאר די אידן אז פונהיינט און ווייטער זאל מען קיינמאל נישט טרינקען קיין קאלטע וואסער.

ביי אסאך האט עס אויסגעזען ווי א רפואה זאך, אדער א סגולה זאך, אז דער איז בדיעה אז קאלטע וואסער שאדט פאר'ן קערפער און קען גורם זיין קדחת אבער פון צייט צו צייט, האט מען געקענט זען אז די 'קאלטע וואסער' איז געווען אן אויסרייד, א שלייער צו פארשלייערן אז די ישועה קומט דורך זיינע ברכות.

איין אזא פאל איז געווען די פאל פון ר' גימפל פון לודמיר.

צווישן די חשובע אידן פון די שטאט לודמיר האט זיך געציילט ר' גימפל. א פיינער בעל בתי'שער איד איז ר' גימפל געווען, עס האט געהייסן אז ער איז א שטיקל בעל פרנסה, ער האט זיך אויך געציילט פון די חשובע עסקנים אין די שטאט, זייענדיג אקטיוו אין די קהילה ענינים פון די שטאט, אבער אין די זעלבע צייט איז ער אויך געווען באקאנט אלץ אן אויסגעשפראכענער מתנגד.

ויהי היום און ר' גימפל איז קראנק געווארן מיט די פיבער קרענק. אין אנהייב האט מען געגלייבט אז ער וועט זיך מתגבר זיין אויף די קרענק, ווי עס איז געווען ביי אסאך מענטשן, אבער ווען עס איז געווארן ערגער און ערגער און די קרענק איז געווארן מסוכן, האט די בני משפחה אנגעהויבן בעטן ער זאל גיין צום רבי'ן.

ר' גימפל איז שוין געווען שוואך, אבער אויך ליגענדיג אויף די קראנקע בעט האט ער זיך גע'עקשנ'ט אז ער גייט נישט צו די חסידים.

”וואס קען שוין דער חסידישער רבי טון פאר מיר?”.

אבער ווען זיין צושטאנד איז געווארן קריטיש, ער האט געזען אז אט אט און ער גייט אויס, האט ער זיך געבראכן.

ליגענדיג אין א בעטל האט מען אים געשלעפט צו ר' משה'לע. מען האט אים מזכיר געווען און ער האט אנגעווינטשן ווען ער נעמט זיך אויס אז מען זאל נישט טרינקען קיין קאלטע וואסער.

גלייך נאך די ברכה האט זיך דער מצב פון ר' גימפל אנגעהויבן בעסערן און עס איז געווארן בעסער און בעסער ביז ער איז צוריקגעווארן אינגאנצן געזונט.

ווען ער איז שוין געשטאנען אויף זיינע פוס האט ער מורא געהאט אז מ'וועט זאגן אז גימפל לעבט בזכות דעם צדיק. נישט וועלענדיג אז מען זאל זאגן האט ער איבערגעקלוגט דעם צדיק און גלייך געטרינקען קאלטע וואסער.

”יעצט וועט שוין קיינער נישט קענען זאגן אז איך בין געזונט אדאנק די ברכה פון דעם רבי'ן”. האט ער זיך אנגערופן צו די ארומיגע.

ווען מען האט עס איבער פארציילט פאר ר' משה'לע האט ער זיך אנגערופן צו די ארומיגע:

”ער קען טרינקען - ער וועט בלייבן געזונט”.

וכך הוה, ר' גימפל האט נאך געלעבט אסאך יארן נאך דעם.

דאן האט מען פארשטאנען אז די ברכה העלפט אבער ר' משה'לע זוכנדיג צו באהאלטן זיינע מעשים, האט עס אנגעלייגט אויף די קאלטע וואסער.

## מהנעשה והנשמע אין לודמיר

נייעס'לעך און ידיעות
איבער די אנגייענדע מצב

### מאסן הכנות פאר די בעפארשטייענדע יומא דהילולא קדישא פון רביה”ק וועלכע געפאלט אויס קומענדיגן כ”ב תמוז הבעל”ט אריין אין שוואונג די טעג

הערליכע הכנסת אורחים 'בית רבינו' און האטעל איינגערישט לקראת די יומא דהילולא - התעוררות'דיגע מעמד הכנסת ספר תורה געפלאנט היי יאר - צדיקי הדור מיט א רוף איבער'ן זכות מקרב צו זיין ווי מער אידן צו דער צדיק רבי שלמה בן יוטא זי”ע

טראץ וואס מ'שטייט נאך מער ווי א חודש פריער פאר די גרויסע הילולא אין די שטאט לודמיר פון רביה”ק רבי שלמה קארלינער זי”ע באקאנט אלץ חסידים אלץ רבי שלמה בן יוטא זי”ע, זענען שוין די הכנות צו די גרויסע הילולא אין פולן שוואונג.


ביים ענדיגן בויען דעם רבינ'ס זאל
אין חצר בית רבינו

א ספעציעלער שטאב איז ארויסגעפארן די טעג איינצורישן די שטאט און מען גרייט זיך צו עמפאנגען מאסן אידן וועלכע וועלן קומען צום רבי'ן און זיין דארט ביומא דהילולא און נתקרב ווערן צום רביה”ק און די אור וואס ער האט אראפגעברענגט אויף דעם עולם.

די יאר איז אויך געפלאנט א גרויסער הכנסת ספר תורה וועלכע וועט פארקומען אויפ'ן ארט און ווערן אריינגעגעבן אין די 'בית רבינו'.

מערערע פרטים איבער די געהויבענע טעג וועט נאכפאלגן דא אין דעם קומענדיגן גליון בס”ד